- נערך באידיש -

בס"ד

# יקרא דמלכא

## שיחות התחזקות והתעלות

שנאמרו ע"י

כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

## לבחורי חמד

מאמר א

### הנה לא ינום ולא יישן

שמירת וקדושת עינים

מאמר ב

### אשי ישראל תקבל ברצון

מאמר חיזוק בעניני קדושה


יו"ל ע"י

**מכון שפה ברורה**

**שע"י חסידי קאסוב**

פרשת משפטים שנת תשפ"ד לפ"ק

- גליון לב -

**- אחים יקרים אחים לדעה -**

הננו בזה בקריאה של חיבה לכל קוראינו ואנ"ש היקרים שיחי'

**שהיות ומלאכת הכתיבה, העריכה, וסידור הגליונות, שיהיו באופן נאה ויאה ומכובד עולים ממון הרבה,**

**וכדי להוציא את הגליון אנו צריכים את עזרת הציבור החפץ ורוצה בקיומו**

# אנו פנים לעזרת הציבור הושיטו ידכם
# והרימו את נדבת לבכם לתרום מתנה יפה ונכבדת

**וההזדמנות נאותה לתרום לעילוי נשמת יקירכם אשר בוודאי תהא**

**לטובת נשמתם זכות הפצת דברי תורה האלו**

**וגם בעת שמחתכם תבוא הברכה לכם ולביתכם**

**והנצחתם תונצחו בתוך הקונטרסים לפרסם עושי מצוה**

ובכן אלו הרוצים בהנצחה או החפצים לתרום עקב שמחה וכן מי ברצונם לתרום לעילוי נשמת

**יפנו לר' מאיר גאדינגער הי"ו במס' 917-686-5892**

או להתקשר ע"ד אימייל ל**toraskosov@gmail.com**

וזכות הגדול של זיכוי הרבים תעמוד לכם להתברך בכל מילי דמיטב

הלימוד בגליון הלז

יהיה לזכות רפואתו השלימה והמהירה של

**מרן רבינו שרגא פייביש בן מלכה שליט"א**

בתוך שאר חולי ישראל

**כל הזכויות שמורות**

להערות והארות או לקבל הגליון מדי שבוע בשבוע ע"י e-mail

יש לפנות להמערכת

במס' 917-686-5892

או אל toraskosov@gmail.com

נערך ונסדר ע"י:

ישר

Publishing & Production

718.484.2189

מאמר א

# הנה לא ינום ולא יישן

## שמירת וקדושת עינים

מתוך שיחת קודש אחר תשליך שנת תשפ"ד לפ"ק

### ארײנפיר

**מיר** האלטן יעצט אין די ימי השובבי"ם, יעדע בחור איז אנגעפילט מיט געוואלדיגע שאיפות און רצונות, מען איז מקבל שטארקע החלטות כדי צו שטייגן און מצליח בתורה וביראת שמים, און מען איז גרייט צו משקיע זיין אנצוקומען צום ציל, מיט א תפילה צום באשעפער אז דער אויבערשטער זאל באלייכטן די וועג, מען זאל קענען אויספירן די אלע הייליגע רצונות און שאיפות.

**די** רצון און תשוקה פון יעדע בחור און עובד ה' איז אז מען זאל קענען שפירן א געשמאק אין די עבודת השי"ת, מען זאל זוכה זיין צו מרגיש די מתיקות ועריבות התורה, מען זאל שפירן די געשמאקע טעם פון א דאווענען מיט א נאנטקייט צום הייליגן באשעפער.

**כ"ק** מרו רבינו שליט"א לערנט אונז אלץ אז אנצוקומען צו דעם איז פאראן איין וויכטיגע יסוד וואס דאס איז די שליסל פאר א מענטש כדי ער זאל קענען זיין ראוי צו מקבל זיין השגות ועריבות התורה, און זוכה זיין צו שפירן די אמת'ע געשמאק אינעם לעבן, דאס איז 'קדושת ושמירת העינים', דורכדעם וואס די אויגן זענען ריין און קלאר, קען דער מענטש אנקומען צו די ריכטיגע מטרה, וויבאלד די אויגן פונעם מענטש איז ווי די פענסטער פון די אינעווייניגסטע חלקים פונעם מענטש, פון די מוח און הארץ, און עס האט גאר א שטארקע כח און השפעה אויפן מענטש.

**נישט** אומזיסט האט מען געזען ביי אלע צדיקים און ערליכע אידן, אז זיי האבן געלייגט אן אויסטערלישע דגוש צו היטן די אויגן, און האבן זיך דערוויטערט פון יעדע מינדעסטע אומאויסגעהאלטענע ראי', וויבאלד די ראי' פונעם א מענטש פארמאגט אומשאצבארע כוחות, וואס האט אן אויסנאם גרויסע השפעה אויפן מענטש, וואס די גאנצע עבודה פונעם מענטש וועגד זיך לויט ווי שטארק

ער היט זיינע אויגן, און לויט די ריינקייט פון די אויגן אזוי איז מען זוכה צו השפעות והשגות התורה.

דעריבער איז פאסיג צו ברענגן די דברות קודש פון מרן רבינו שליט"א, וואס איז געזאגט געווארן אום עשרת ימי תשובה, נאך אמירת תשליך, ווי עס ווערט ארויסגעברענגט גאר קלארע דיבורים איבער די טיפע השפעה פון די אויגן, און אז דאס איז שליסל צו קענען מקבל זיין השגות אין תורה.

## דגים - עינא פקיחא

עס ווערט געברענגט אין חז"ל, דגים פארמאגן אין זיך די מעלה אנדערש פון אנדערע בעלי חיים, אז זיי ווערן נישט נתעורר פון קיין שום ראי', א פיש איז א קאלטע זאך[א], דאקעגן א מענטש און אזוי אויך יעדע בעל חי אויף די יבשה, ווערט נתעורר דורכדעם וואס ער זעט א ראי'.

די סיבה דערצו איז וויבאלד דגים - זייענדיג אין וואסער - זענען זיי נישט נפגם געווארן פונעם חטא עץ הדעת[ב], אזוי ווי עס שטייט

א טראץ וואס עס ווערט געברענגט אין חז"ל (בבא בתרא עד:) 'דגים פריצי נינהו', ווערט געברענגט דארט אין רש"י, אז דאס איז נאר מיט זייער אייגענע מין, נישט מיט אנדערע מינים, עיי"ש.

**אין** ספר 'שער השמים' (ווינציה שנת ש"ז לפ"ק, מאמר ז' לב:) ווערט געברענגט אן אינטערעסאנטע זאך, אז וויבאלד פיש זענען בטבע קאלט, און געפינען זיך שטענדיג אין וואסער, דעריבער האבן זיי נישט קיין לינגן, וויבאלד די לינגן איז געמאכט צו קענען ארויסאטעמען די הייסע לופט פונעם הארץ, און דורכדעם וואס מען אטעמט אריין פרישע לופט, דערמיט קילט מען אפ די היץ אינעם הארץ, אבער די הארץ פונעם פיש געפינט זיך אין קאפ וואס דאס איז גורם אז ס'זאל זאל זיך שנעל אפקילן. גלייכצייטיג איז דאס די סיבה פארוואס א פיש קען נישט רעדן, וויבאלד עס פארמאגט נישט קיין לינגן אריבערצופירן די קול. ועיי"ש.

**וראה** בספר תולדות אדם להרה"ק רבי יהושע מאוסטראווא זי"ע, (פרשת ויחי) עה"פ וידגו לרב בקרב הארץ, שמביא בשם הרה"ק הרבי מלובלין זיע"א במעלת הדגים שהם פרים ורבים בלי חמימות ושאין להם חימום מצד היצר, וזהו הכוונה וידגו לרב בקרב הארץ, שיפרו וירבו כדגים בלתי חמימות היצר רק לשם שמים, עיי"ש.

ב ראה בספה"ק פרי צדיק להרה"ק רבי צדוק הכהן בלובלין זי"ע, (פרשת ויקהל אות ג') וז"ל, ואיתא בגמרא (שבת קיח:) במה מענגו בתבשיל של תרדין ודגים גדולים וראשי

אין חז"ל[ג] אז אדם הראשון האט געגעבן צו עסן פאר אלע חיות און בהמות פון די עץ הדעת, אבער די פיש אין ים האבן נישט טועם געווען דערפון. דעריבער ווערן זיי נישט נתעורר צו קיין תאות, און דערפאר דארף מען נישט שחט'ן קיין דגים איידער מען וויל זיי עסן, וויבאלד זיי זענען נישט נפגם געווארן.

און מיט דעם פארשטייט מען פארוואס ווען עס איז געקומען צו די מבול בימי נח, זענען די פיש אין וואסער נישט באשטראפט געווארן, וויבאלד זיי האבן נישט געזינדיגט אזוי ווי די בהמות אין חיות אויפן יבשה[ד].

דעריבער ווערן די אויגן פון א פיש אנגערופן אין זוה"ק[ה] 'עינא פקיחא דלא ניימין', די אויגן פון א פיש ווערן קיינמאל נישט פארמאכט, און עס איז אן עינא פקיחא וואס פארמאגט נישט קיין תאות, און ווערן נישט נתעורר דורך זען א ראי'.

דאס איז די גרויסע מעלה וואס ליגט אין א פיש, אזוי ווי עס איז ידוע פון די ספה"ק די גרויסע ענין פון אכילת הדגים בשב"ק און די

---

שומין, וכידוע דעונג שבת בא לתקן הקלקול הראשון מהנחש, ומין דגים לא היו בקלקול אכילת עץ הדעת כי היו נכסים במים, וגם לא מתו במבול (סנהדרין קח.) ואין בהם שום בירור מאיסור חלב דם וטריפות מפני שהם הבעל חי הראשון שנזכר בהם נפש חיה ולא היה בו שום שבירה וכו'.

**וע"ע** בדבריו (פרשת אמור סוף אות ו') וז"ל, שעיקר עונג שבת בדגים משום שאין בהם שום איסור חלב וגיד הנשה ובעופות יש על כל פנים איסור דם ונבילה מה שאין כן בדגים, מכלל דבדגים אין בהם ערבוב טוב ורע, שלכל בהמה וחיה ועופות האכילה חוה מעץ הדעת טוב ורע (בראשית רבה י"ט ה') ולדגים לא נאמר שהאכילה שהיו אז בגן עדן וכו', עכ"ל.

ג בראשית רבה יט, ה.

ד כדאיתא בפיסקא זוטא (נח פרק כ"ג), 'כל אשר נשמת רוח חיים באפיו מכל אשר בחרבה מתו', ולא דגים שבים, שלא נגזרה עליהם גזירה, שלא היו ב'כי השחית כל בשר', לפיכך ניצולו. וע"ע ברא"ם (בראשית ז, כב), וכ"כ האבן עזרא (שיטה אחרת דקדוק ו'), כי השחית כל בשר 'על הארץ' את דרכו להוציא שרץ המים. וראה עוד בבני יששכר (מאמר ב' שקל הקודש דרוש ז').

ה פרשת נשא קכט:, ועוד.

עבודה וואס גרויסע צדיקים האבן געהאט ביים עסן פיש, ווייל דורכדעם קען מען מעורר זיין די ראי' העליונה למעלה, און עס איז מעורר דער אויבערשטער זאל קוקן אויף אונז מיט אן עינא פקיחא, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק[ו] 'הנה לא ינום ולא ישן שומר ישראל'.

מיט דעם פארשטייט מען די ענין וואס מען גייט צו תשליך און מ'איז מזכיר זיין די י"ג מדות של רחמים ביי א וואסער, ווייל אויסער די ענין פון טהרת המים, וואס איז מעורר קדושת וטהרת ישראל, איז פארהאן דער ענין וואס ווערט געברענגט אז מען זאל זאגן תשליך ביי א וואסער וואס פארמאגט פיש[ז], וואס דגי"ם איז נוטריקון י"ג מ'כילי ד'רחמי, און דאס צוליב די אויבנדערמאנטע סיבה, אז די אויגן פון א פיש ווערט קיינמאל נישט פארדעקט, וואס איז כעין דוגמת דיוקנא דלעילא, וואס דער אויבערשטער האלט שטענדיג זיינע אויגן אויף כלל ישראל, און היט זיי מיט א שמירה עליונה.

## היטן די אייגענע ראי' צו מעורר זיין די ראי' העליונה

די נקודה האבן אונז די צדיקים אויסגעלערנט, אז ווען מען וויל מעורר זיין ראי' העליונה, אז דער אויבערשטער זאל אפהיטן כלל ישראל, און האלטן זיין עינא פקיחא אויף אידישע קינדער, דארף מען זיכער מאכן אז אונזערע אייגענע אויגן זענען אפגעהיטן, 'כדרך שבא לראות כך בא ליראות'. און דורכדעם קען מען מעורר זיין אונזער דביקות און התקשרות צום אויבערשטן, אז מען זאל אייביג זיין מקושר צום אויבערשטן, און עס זאל זיין 'הנה לא ינום ולא ישן שומר ישראל'.

ו תהילים קכ"א ד.

ז ראה ב'קיצור של"ה' (מסכת ראש השנה ד"ה יש נוהגין), וז"ל, כי הדגים אין להם גבינים ועיניהם תמיד פקוחות כדי להתעורר עיני פקיחא דלעילא שרומז על רחמים גדולים וכו', ונוהגין גם כן מזה הטעם לילך בראש השנה אל הנהר שיש בו דגים לעורר עינא פקיחא דלעילא.

ווייל די צדיקים האבן פארשטאנען די גרויסקייט און וויכטיגקייט פון די אויגן, עס איז נישט בלויז נאך אן עבודה, נאר **עס איז א יסוד פאר אלע השגות אז כדי זיי צו קענען דערגרייכן קען דאס נאר גיין דורכדעם וואס מען היט זיך די אויגן,** דעריבער האבן זיי זייער אכטונג געגעבן צו היטן פון סיי וועלכע ראי', און זענען שטענדיג געגאנגען מיט די קאפ אויף אראפ, נישט קוקנדיג וואס עס טוט זיך ארום זיי אויפן גאס.

**"ווען מען וויל מעורר זיין ראי' העליונה, אז דער אויבערשטער זאל האלטן זיין עינא פקיחא אויף אידישע קינדער, דארף מען זיכער מאכן אז אונזערע אייגענע אויגן איז אפגעהיטן, כדרך שבא לראות כך בא ליראות"**

וויבאלד אין די ראי' פונעם מענטש ליגט א גרויסע כח, יעדע ראי' וואס מען זעט מאכט גאר א שטארקע און טיפע איינדרוק אויפן מענטש, און אויב עס איז חלילה נישט קיין גוטע ראי' מאכט דאס א שלעכטע און שטארקע השפעה אויפן מענטש.

עס איז נישט קיין חילוק ווי גרויס דער מענטש, און וויפיל הויכע השגות ער האט שוין דערגרייכט, א ראי' האט א כח אראפצושלעפן סיי ווער, און **קיינער קען נישט זאגן אז מיר וועט עס נישט שאדן, ווייל קיינער קען נישט אונטערשאצן די כח פון א ראי' וואס דרינגט אריין ביז צו די טיפעניש פונעם נפש.**

דעריבער ווען מען וויל מעורר זיין אז אונז זאל קענען נאנט ווערן צום אויבערשטן, קען דאס נאר צוגיין ווען די קאפ איז ריין פון נישט קיין גוטע ראיות, דורכדעם קען מען מעורר זיין אז דער אויבערשטער זאל קענען רוען צווישן אונז, און מען איז ראוי צו מקבל זיין די הארה מלמעלה.

**"נישט קיין חילוק ווי גרויס דער מענטש, א ראי' האט א כח אראפצושלעפן סיי ווער, און קיינער קען נישט זאגן אז מיר וועט עס נישט שאדן"**

## די שליסל צו זוכה זיין צו גרויסע מדריגות

**די אלע השגות וואס מען קען משיג זיין בתורה איז נאר דורכדעם וואס מען היט זיך אפ די ראי'**, אזוי ווי מען טרעפט אין חז"ל[ח], אז דער הייליגער תנא רבי יוחנן האט פארמאגט א אויסטערלישע שיינקייט מיט אן הארת פנים. דאס מיינט נישט פשוט פשט אז ער האט אויסגעזען שיין, דאס איז געווען די יופי של קדושה פון דער הייליגער תנא, אז ווי עס שטייט גמרא[ט] רבי יוחנן האט געהאט לאנגע אויגן ברעמען וואס האבן אים אפגעהיטן פון סיי וואספארא ראי', וואס דאס האט צוגעברענגט די ערליכע יופי פארן תנא.

אזוי ווי מען האט שטענדיג געזען ביי ערליכע אידן במשך כל הדורות אז זיי האבן געלייגט א געוואלדיגע דגוש אויף שמירת העינים אויף אן אויסטערלישע פארנעם, א שטייגער ווי עס איז ידוע ביי הרה"ק מבעלזא זי"ע וואס זיין קאפ איז שטענדיג געווען אויף אראפ, טראץ וואס אין זיין מח האט ער געוואוסט און געזען מער ווי אונז זעהן מיט אונזערע אויגן, אבער די אויגן האט ער אכטונג געגעבן און קיינמאל נישט ארויפגעקוקט.

און אזוי ווי עס איז באקאנט, ביים זיידן דער גרויסער פוסק און גדול רבי שמואל הלוי וואזנער זצ"ל, וואס האט אריינגעלייגט א גרויסע דגוש אויף שמירת עינים, די תלמידים האבן שטענדיג געוואוסט אז ביים רב איז די וויכטיגסטע נקודה געווען שמירת העינים, און ווען מען פלעגט אים פרעגן צו מען זאל קומען צו פארן פון חו"ל פאר א יו"ט אדער פאר א שמחה, האט ער שטענדיג געענטפערט: "איך נעם נישט אחריות אויף דיינע אויגן".

---

ח עיין בגמרא ברכות כ. בבא מציעא פד.

ט בבא קמא קיז.

## זיך מתגבר זיין אויף די שווערקייטן

און טאקע וויבאלד דאס איז די שליסל פון זוכה זיין צו מקבל זיין השגות בתורה, פארלייגט זיך דער יצר הרע מיט א גרויסע כח דווקא אויף די נקודה', וויבאלד ער ווייסט אויב וועט ער קענען מצליח זיין אז דער מענטש זאל נאכלאזן זיין שמירה אויף זיינע אויגן, וועט ער דערמיט פארשפארן די טויערן פון חכמה און השגת התורה.

**"מען דארף שטענדיג זיכער מאכן צו האלטן די קאפ פארנומען מיט גוטע זאכן, אויסהערן שיעורי תורה, אדער דברי חיזוק, כדי מח זאל נישט גיין ליידיג, און די אויגן זאלן נישט פארפארן אומעטום"**

דעריבער דארף מען באזונדער לייגן א דגוש אויף וואס מען זעט, טראץ וואס אסאך מאל האט מען נישט קיין ברירה מען מוז גיין אויף גאס, מען באגעגנט זיך מיט פארשידענע ראיות וואס מען וואלט נישט געוואלט זען, דארף מען שטענדיג זיכער מאכן צו האלטן די קאפ פארנומען מיט גוטע זאכן, אויסהערן שיעורי תורה, אדער דברי חיזוק, כדי די מח זאל נישט גיין ליידיג, און די אויגן זאלן נישט פארפארן אומעטום.

דאס אליינ'ס איז א מורא'דיגע שמירה, דורכדעם וואס מען האלט די קאפ פארנומען, דאס היט אפ דער מענטש ער זאל נישט זיין פארנומען מיט וואס עס טוט זיך ארום אים, און אויב מען שפירט אז דאס איז נישט גענוג, מען וויל א בעסערע שמירה, וועט גארנישט געשען אויב מען וועט אויסטון די גלעזער, מען דארף נישט מורא האבן פון קיינעם, מען האט זיך נישט וואס צו דערשרעקן אז אפשר וועט איינער לאכן פון דיר.

---

י אזוי ווי מען טרעפט אין חז"ל, אז דער עיקר יצר הרע איז אין די אויגן, אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין גמרא (עבודה זרה כ.) עיי"ש, און מען טרעפט אין חז"ל (סוכה לח.) די לשון 'גירא בעינא דשטנא'. און ווי מען זעט בחוש אז דער יצר הרע פארלייגט זיך בעיקר אויף די אויגן, ווייל מיט דעם קען ער דערנאך אריינ'נער'ן דער מענטש און צוברענגן צו טון עבירות. ועיין בדרך פיקודיך (ל"ת ל"ה), שיותר יוטב בעיני היצר הרע להחטיאו במראה עינים יותר מאותו מעשה, עיי"ש.

**"עס לוינט זיך פשוט! עס לוינט זיך פאר די אלע מורא'דיגע השגות וואס מען קען דערגרייכן דורכדעם וואס מען האט ריינע אויגן, די השגות אין קדושת התורה, איז אלעס תלוי אין די אויגן פונעם מענטש"**

**עס לוינט זיך פשוט! עס לוינט זיך פאר די אלע מורא'דיגע השגות וואס מען קען דערגרייכן דורכדעם וואס מען האט ריינע אויגן, די השגות אין קדושת התורה, איז אלעס תלוי אין די אויגן פונעם מענטש.** אויב מען וויל זוכה זיין צו הארת פנים, דארף דאס זיין מיט קדושת עינים.

## אלע פראבלעמען קומט צוליב קדושת עינים

אויב האט מען נישט קיין שמירת עינים, קען מען לערנען פון היינט ביז מארגן עס וועט נישט גיין, **די אויגן וואס לערנען, דארפן זיין ריינע אויגן, און נאר אזוי קען דער מענטש אריינעמען אין די זיך די קדושת התורה**, אבער אויב ח"ו זענען די אויגן נישט אפגעהיטן און ריין, וועט ער בלויז זען שווארצע אותיות אויף ווייסע פאפיר, די תורה וועט נישט קענען אריינגיין אין אים, ווייל ווי אזוי קען ער זען וואס ער דארף זען מיט די אויגן, בשעת ווען זיינע אויגן זענען פארשמירט און שמוציג.

כמעט אלע פראבלעמען וואס מען זעט ביי בחורים וואס מוטשענען זיך ווען עס קומט צו לערנען, ס'איז זיי שווער צו קאנצענטרירן בשעת מען לערנט, און אלע פארשידענע פראבלעמען מיטן פארשטיין וואס מען לערנט, קומט ווייל מען האט נישט קיין שמירת עינים, די קאפ ווערט פארשטאפט און די אויגן קענען נישט אריינעמען אין זיך די תורה.

**"כמעט אלע פראבלעמען וואס מען זעט ביי בחורים וואס מוטשענען זיך ווען עס קומט צו לערנען, קומט ווייל מען האט נישט קיין שמירת עינים, די קאפ ווערט פארשטאפט און די אויגן קענען נישט אריינעמען די תורה"**

אזוי ווי עס איז באקאנט די משל פון עמיצער וואס איז געקומען באזוכן א 'מיוזיאם' פון הערליכע מאלעריי, מען האט אים ארומגעפירט און געוויזן אלע

הערליכע טייערע מאלערייען, אויף יעדע בילד האט אוועקגעמאכט זאגנדיג אז עס איז פארפלעקט, ביז מען האט אים געוויזן אז ער האט בלויז איין פלעק אויף זיינע גלעזער, און ווען ער וועט דאס ריין מאכן וועלן אלע בילדער מער נישט זיין פארפלעקט.

די נמשל איז זייער פארשטענדליך, אז ווען מען האט נישט קיין חשק צו לערנען אדער צו דאווענען, מען שפירט נישט קיין טעם אין א שטיקל גמרא, מען האט שוועריקייטן זיך צו מתבונן זיין בשעת שמונה עשרה, מען שפירט נישט קיין סיפוק אין תורה און תפילה, מען לערנט א שטיקל גמרא אבער מען זעט איגנאנצן עפעס אנדערש, מען שפירט נישט די מתיקות ועריבות התורה.

דאס איז נישט ח"ו קיין פראבלעם אין די תורה אדער תפילה, דאס איז בלויז א פלעק וואס מען האט ביי זיך, אויב וועט מען דאס ריין מאכן, וועט מען פלוצלונג זען ווי געשמאק און ליכטיג איז א שטיקל גמרא, מען וועט זען ווי געשמאק אז עס איז צו שטיין און דאווענען פארן אויבערשטער, אלעס וואס באקומען א פרישע צורה, און מען וועט זוכה זיין צו שעפן חיות און סיפוק פון תורה און תפילה.

און די אלע ראיות וואס מען זעט שטערט די מחשבה, און דוקא ווען דער מענטש וועט זיך וועלן דערהייבן מיט דאווענען אדער לערנען, דעמאלטס וועלן די שלעכטע מחשבות אנהייבן צו שפילן אין זיין מח, אזוי ווי עס איז באקאנט וואס דער זיידע די גרויסער גדול און פוסק הרב וואזנער זצ"ל פלעגט שטענדיג זאגן, "א ראי' אסורה וואס מען האט געזען וועט ארויפקומען בשעת מען האלט אינמיטן דאווענען נעילה".

און באמת איז דאס שוין א שטיקל אין נועם אלימלך אנפאנג פרשת משפטים, וואו דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע טייטש דעם פסוק[יא] וְלֹא תַעֲלֶה בְמַעֲלֹת עַל מִזְבְּחִי אֲשֶׁר לֹא תִגָּלֶה עֶרְוָתְךָ עָלָיו, אז ווען מען קריכט אויף הויכע פלעצער, דעמאלטס באגעגנט מען דער יצר הרע,

---

יא שמות כ, כג.

וואס ער פראבירט דעמאלטס צו שטערן דער מענטש מיט זיין עבודה[יב].

## דער אויבערשטער וויל די רצון

**ווען דער אויבערשטער זעט אז דער מענטש וויל זיך מתגבר זיין, ער וויל אפהיטן זיינע אויגן, טראץ וואס עס איז אים שווער און ער מוטשעט זיך דערמיט איינמאל און נאכאמאל, דאס אליינס פארשאפט א גרויסע נחת רוח פארן באשעפער, עס ברענגט אראפ א הארת פנים מלמעלה, און דערמיט איז מען זוכה זיך צו שטארקן, זיך צו קענען**

---

יב וזלש"ק, ואלה המשפטים כו' (כא, א). לפרש הסמיכות לא תעלה במעלות על מזבחי אשר לא תגלה ערותך עליו (שמות כ, כג), ואלה המשפטים. נראה לי דכתיב (תהלים סט, לא) אהללה שם אלהים בשיר ואגדלנו בתודה. דהנה יש שני בחינות במדת הצדיקים, דהיינו יש צדיק שהולך תמיד במדרגה בדביקות בהשם יתברך ומשבח תמיד בשירות ותשבחות, וכשמזדמן להצדיק הזה איזה טובה מאתו יתברך אזי מתדבק יותר בהשם יתברך ומכיר יותר בגדולתו יתברך ומשבח להבורא יתברך ביותר הדביקות בו וביותר חשקות ואינו מודה לו יתברך עתה יותר בשביל הטובה שעשה עמו יותר ממקדם רק בשביל הטובה הוא מכיר בגדולתו יתברך ומשבח לו בחשקות ודבקות יותר, ויש שאינו במדרגה זו אבל הוא מכיר בטובתו יתברך ומשבח להבורא ברוך הוא על הטובה הנעשה לו וכפי הכרתו הטובה הוא משבח יותר.

**ויש** חילוק בין השבחות של הצדיקים הנ"ל, דהיינו הצדיק שהוא בא אל התדבקות יותר בשביל הטובה ומשבח להבורא ברוך הוא יותר בדבקות כנ"ל הוא מדרגה גדולה **ואינו רשאי לעלות יותר ממדרגתו שהוא כעת בשעת השבח והתהילה דכשיגביה את עצמו יותר ממדרגתו אזי מגביה שפלותו כנגדו ונופל לו פניות ומחשבות זרות ר"ל** אבל כשהוא משבח בשביל הכרת טובתו אזי כפי הכרתו יותר הוא יוכל לשבח יותר ואינו מזיק לו.

**וזהו** ולא תעלה במעלות על מזבחי, רצה לומר שהשירות והתשבחות בדביקות והכרת גדולותיו הוא במקום קרבן, דהיינו שהוא מקרב עצמו אל הבורא ברוך הוא ולעולמות עליונים ונקרא בשם מזבח. וזה שאמר הכתוב ולא תעלה במעלות, דהיינו בשעת השירות והתשבחות שהוא במקום קרבן על מזבחי, **לא תעלה במעלות יותר ממדרגתך כדי שלא תגלה ערותך עליו, דהיינו שלא יגביה שפלותך כנגדך ויפול בך פניות כנ"ל.** וסמך לו ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם, ורצה לומר אלה המשפטים הנזכרים לעיל שאמרתי לך אשר תשים לפניהם, פירוש לפני הצדיקים שאינם במדרגה גדולה, רק שהם מכירים בטובות השם יתברך אשר לפניהם תוכל לשום המשפטים הנ"ל, דהיינו שהוא יכול לעלות במדרגה יותר ויותר כפי הכרתו, עכלה"ק.

**רייניגן, און עס איז מעורר 'הנה לא ינום ולא ישן שומר ישראל', און עס ברענגט א גרויסע שמירה אויף כלל ישראל.**

ווייל דער אויבערשטער פארשטייט דער מענטש, און ער פארשטייט זיינע נסיונות, ער דארף בלויז אז מען זאל האבן א שטארקע רצון זיך צו ווערלן מתגבר זיין, אזוי ווי די גמרא זאגט אין מסכת שבת[יג] 'הבא ליטהר מסייעין אותו', און עס שטייט אין חז"ל[יד], 'אם אתם פותחין פתח כמחט סדקית אני אפתח לכם כפתחו של אולם', **דער אויבערשטער דארף נאר די רצון און ער וועט שוין געבן די כוחות פארן מענטש זיך צו מצליח זיין** און זיך מתגבר זיין אויף זיינע נסיונות.

**"דער אויבערשטער פארשטייט דער מענטש, און ער פארשטייט זיינע נסיונות, ער דארף בלויז מען זאל האבן א שטארקע רצון זיך צו מתגבר זיין"**

און **בלויז די רצון אליינ'ס ברענגט א גרויסע קדושה אויפן מענטש**, אויב איז מען מקבל אויף זיך א פעסטע החלטה, מען נעמט אויף זיך א קבלה של טהרה, מיטן פעסטע רצון אז מען וויל זיין ריין און אפגעהיטן, דערמיט איז מען מעורר רחמים, און מען איז זוכה צו שפירן א טעם און געשמאק אין דאווענען און אין לערנען, מען איז זוכה צו שפירן די זיסקייט אין תורה, און מען איז זוכה ליב צו האבן דאס לערנען.

און דורכדעם וואס אונז זען נאר וואס מען דארף זען, איז מען זוכה צו אן הארת פנים, אז דער אויבערשטער קוקט אונז צוריק אן, אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל 'כדרך שבא לראות כך בא ליראות'. זאל דער אויבערשטער העלפן, מען זאל זוכה זיין צו שטייגן בתורה ועבודה בליען און וואקסן מיט אלע פירושים וימלא ה' כל משאלות לבנו לטובה, דער אויבערשטער זאל ווערלן זיין נאנט מיט אונז, און אונז זאל זיין נאנט מיט דער אויבערשטער, און מען זאל בקרוב זוכה זיין לביאת משיח צדקינו, מתוך רחמים וחסדים גדולים, אמן.

---

יג שבת קד.

יד מדרש רבה, שיר השירים ה, ג.

מאמר ב

# אשי ישראל תקבל ברצון

## מאמר חיזוק בעניני קדושה

## א.

### די עבודה פון מקריב זיין קרבנות

מיר זענען אלע באקאנט מיט די גרויסע עבודה פון מקריב זיין קרבנות אין די צייט וואס די בית המקדש איז געשטאנען. אויב איינער איז נכשל געווארן מיט א עבירה בשוגג האט ער געדארפט ארויפגיין צו די בית המקדש און מקריב זיין א קרבן וואס די תורה האט באפוילן צו מקריב זיין. און אזוי איז די עבירה פארגעבן געווארן.

אבער די עבודה פון מקריב זיין קרבנות איז נישט געווען בלויז א עבודה וואס מען האט געדארפט טון נאר אויף למעשה - צו ארויפגיין צום בית המקדש און מקריב זיין א קרבן - נאר דאס איז גלייכצייטיג געווען א פנימיות'דיגע עבודה וואס יעדע מענטש האט געדארפט ארבעטן ביי זיך אין הארץ, דער מענטש האט געדארפט ריכטיג אנערקענען אין זיין עבירה, און ווען מען האט מקריב די קרבן האט ער געדארפט שפירן ווי כאילו ער אליין ווערט געברענגט פאר א קרבן פארן אויבערשטער, און האט געדארפט אנקוקען די בהמה וואס מען איז מקריב איז ווי מען איז מקריב אים אליין'ס[א].

א אזוי ווי דער רמב"ן ערקלערט אין פרשת ויקרא (א, ט ד"ה ויותר ראוי וכו') וז"ל, כי בעבור שמעשי בני אדם נגמרים במחשבה ובדבור ובמעשה, צוה השם כי כאשר יחטא יביא קרבן, יסמוך ידיו עליו כנגד המעשה, ויתודה בפיו כנגד הדבור, וישרוף באש הקרב והכליות שהם כלי המחשבה והתאוה, והכרעים כנגד ידיו ורגליו של אדם העושים כל מלאכתו, ויזרוק הדם על המזבח כנגד דמו בנפשו, כדי שיחשוב אדם בעשותו כל אלה כי חטא לאלהיו בגופו ובנפשו, וראוי לו שישפך דמו וישרף גופו

דער איד וואס ברענגט א קרבן, האט געדארפט אנקומען צו די ריכטיגע הכרה אז ער וויל נאכאמאל נענטער ווערן צום באשעפער, און וויל זיין איבערגעגעבן פארן אויבערשטער און טון זיין רצון, נאכדעם וואס ער איז דערווייטערט געווארן דורך די עבירה וואס ער איז נכשל געווארן אין דעם, און די עבודה איז געקומען צוזאמען מיט די עבודה פון מקריב זיין א קרבן אויף די מזבח.

**"ווען מען האט מקריב די קרבן האט ער געדארפט שפירן ווי כאילו ער אליין ווערט געברענגט פאר א קרבן פארן אויבערשטער, ווי גלייך די בהמה וואס מען איז מקריב איז ווי מען איז מקריב אים אליינ'ס"**

און דער חלק פון די עבודה איז אויך נוגע פאר אונז היינטיגע צייטן אפילו ווען אונז האבן נישט א בית המקדש און אונז קענען נישט גיין מקריב זיין קרבנות, איז אבער פארהאן א פנימיות'דיגע עבודה פון מקריב זיין קרבנות, אזוי ווי מען וועט אי"ה ערקלערן.

## דער מקום פון אש המערכה

די גמרא אין מסכת זבחים (נט:) ברענגט א שיטה וואס האלט[ב] אז די 'מזבח החוץ' אויף וואס מען האט מקריב געווען די קרבנות איז געווען

---

לולא חסד הבורא שלקח ממנו תמורה וכפר הקרבן הזה שיהא דמו תחת דמו, נפש תחת נפש, וראשי אברי הקרבן כנגד ראשי אבריו, והמנות להחיות בהן מורי התורה שיתפללו עליו. וקרבן התמיד, בעבור שלא ינצלו הרבים מחטוא תמיד. ואלה דברים מתקבלים מושכים את הלב כדברי אגדה, עכ"ל.

**און** אזוי אויך געפונט מען אין הלכה, אז ווילאנג דער בעל עבירה האט נישט תשובה געטון, קען ער נישט ברענגן א קרבן, אזוי ווי עס ווערט גע'פסק'נט אין רמב"ם (פ"ג מהלכות שגגות הלכה ז'). ווייל א קרבן נעמט זיך פון א מענטש וואס איז נכנע צום אויבערשטן ביי זיך אין הארץ, און ער וויל תשובה טון און נתרצה ווערן פאר דער אויבערשטער, דעריבער איינער וואס איז בגדר רשע קען נישט ברענגן קיין קרבן, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (משלי כא, כז) **זֶבַח רְשָׁעִים תּוֹעֵבָה**. וע"ע בספר החינוך (פרשת תרומה מצוה צ"ה) **ובשל"ה הק'** (תורה אור, פרשת ויקרא אות ה').

ב דאס איז שיטת רבי יוסי וואס דרש'נט אזוי פונעם פשוט פשט אין פסוק, אבער

ברייט פינעף אמות אויף פינעף אמות (ס"ה 25 אמות), דערפון איז געווען א אמה ארום און ארום פאר די קרנות המזבח (ס"ה 16 אמות), א אמה ארום און ארום פאר די כהנים צו גיין (ס"ה 8 אמות), און איין אמה פאר די - אש המערכה - די פייער וואס האט געברענט אויף די מזבח[ג].

לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס האט די תורה באפוילן מען זאל בויען די מזבח אזוי מצומצם עס זאל זיין בלויז איין אמה ארום די מזבח פאר די כהנים צו גיין, ממש נעבן די פייער?

## אונזערע קרבנות - אשי ישראל

מען קען דאס ערקלערן לויט די ווערטער וואס מען זאגט יעדן טאג אין שמונה עשרה ביי תפילת רצה: **והשב את העבודה לדביר ביתך "ואשי ישראל" ותפילתם מהרה באהבה תקבל ברצון וכו'**. די קרבנות וואס מען איז מקריב אויף די מזבח ווערן אנגערופן 'אשי ישראל'.

און עס שטייט אין חז"ל[ד] אז 'אשי ישראל' דאס זענען די נשמות פון די צדיקים, וואס מלאך מיכאל איז מקריב פאר דער אויבערשטער אויף יענע וועלט.

---

רבי יהודה דינגט זיך און האלט, אז די פלאץ פון די פייער איז געווען זעקס אמות אויף זעקס אמות, און פון אלע זייטן איז די מזבח געווען 12 אמות ברייט, וואס דאס איז ס"ה 24 אמות (פון די ברייטקייט פון די מזבח), ועיי"ש.

ג און אויף די מזבח האט שלמה המלך מקריב געווען טויזנט קרבנות אין איין טאג, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (מלכים א' ג, ד) **אֶלֶף עֹלוֹת יַעֲלֶה שְׁלֹמֹה עַל הַמִּזְבֵּחַ הַהוּא** (וע"ע בגמרא זבחים נט:). דערנאך ווען שלמה המלך האט אויפגעבויעט די בית המקדש, האט ער געבויעט א גרעסערע מזבח, וואס איז געווען אסאך גרעסער פון די מזבח פון משה רבינו (ועיי"ש בגמרא בשיעור גודל המזבח שבנה שלמה המלך).

**און** חז"ל (עיין רש"י זבחים נט:) זענען מסביר ווי אזוי מען האט געקענט מקריב זיין אזוי פיל קרבנות אין איין טאג אויף די מזבח וואס האט געהאט א פייער פון בלויז א אמה אויף א אמה, וויבאלד **'אש של שמים ממהרת לאכול'**, די פייער וואס איז אראפגעקומען פון הימל דאס האט געקענט שנעל פארברענען די אלע קרבנות וואס מען האט מקריב געווען אויפן מזבח.

ד תוספות מסכת מנחות (דף קי. ד"ה ומיכאל), בשם מדרש.

און דער הייליגער בעל התניא אין שו"ע הרב[ה] לייגט צו וז"ל: **ולמטה הן הקרבנות שמקריבים הצדיקים ומוסרים נפשותיהם להקב"ה על כל דיבור ודיבור היוצא מפיהם המכונה בשם מזבח**, עכ"ל.

די קרבנות 'אשי ישראל' וואס מלאך מיכאל איז מקריב פארן אויבערשטער דאס איז אויף יענע וועלט, און די קרבנות 'אשי ישראל' אויף די וועלט איז די עבודה פון צדיקים וואס זענען זיך אליינ'ס מקריב און דינען דער אויבערשטער מיט יעדע ווארט וואס קומט ארויס פון זייער מויל (וואס איז א בחינה פון א מזבח).

און דאס גייט ארויף אויף די עבודה פון יעדער איינער פון אונז וואס איז א בחינה פון 'אשי ישראל', יעדעס מאל ווען דער יצר הרע קומט און וויל מכשיל זיין א איד מיט א עבירה, און דער איד איז זיך מתגבר און לאזט זיך נישט פון דער אש התאווה פונעם יצר הרע, און ער ברעכט זיינע אייגענע רצונות און תאוות פארן באשעפער'ס וועגן, איז ער פונקט אזוי ווי א כהן וואס געפונט זיך אינעם בית המקדש און שטייט אויף די מזבח און איז מקריב א קרבן, ער איז מקריב זיינע אייגענע רצונות פארן אויבערשטער.

**"דער איד וואס איז זיך מתגבר און ברעכט זיינע אייגענע רצונות און תאוות פארן באשעפער'ס וועגן, איז ער פונקט אזוי ווי א כהן וואס שטייט אויף די מזבח און איז מקריב א קרבן"**

אזוי ווי עס איז באקאנט די טייטש פון צדיקים אויפן פסוק (ויקרא א, ב) **אָדָם כִּי יַקְרִיב 'מִכֶּם' קָרְבָּן לַה'**, א מענטש איז מקריב א קרבן פון זיך. דאס הייסט, ער איז מקריב פארן באשעפער - פון זיך - פון זיינע אייגענע רצונות און זיינע כוחות און איז זיך מתגבר אויף דעם אש התאווה וואס ברענט אין אים, און ער ברענגט דאס פאר א קרבן - אשה ריח ניחוח - פארן אויבערשטער.

ה. או"ח סימן ק"כ סעיף ב'.

און דאס איז די סיבה פארוואס די פלאץ וואו די כהנים זענען געשטאנען אויף די מזבח איז געווען זייער שמאלע ארט, ממש נעבן די ברענעדיגע פייער וואס האט געברענט אויף די מזבח. ווייל דאס קומט אונז צו מרמז זיין די מורא'דיגע עבודה וואס מען האט, פון איין זייט איז דא א גרויסע סכנה און א פייער פונעם יצה"ר וואס ברענט וואס מען דארף זייער אכטונג געבן מען זאל נישט מסיח דעת זיין און ח"ו פארברענט ווערן פון די פייער. אבער פון די אנדערע זייט ווען מען איז זוכה צו מקריב זיין א קרבן פאר דער אויבערשטער – דורכדעם וואס מען היט זיך פון די פייער וואס ברענט אינעם מענטש און מען איז זיך מתגבר אויף דעם און אויף די אייגענע רצונות - טוט מען דערמיט פארשאפן א מורא'דיגע נחת רוח פארן אויבערשטער, אן אשה ריח ניחוח במלוא מובן המילה.

## זיך נישט פארלירן מיט היסח הדעת

מען דארף פארשטיין די גרויסקייט און וויכטיגקייט פון די אויבנדערמאנטע עבודה, די עבודה פון שטיין אויף די מזבח פונקט אזוי ווי א כהן ביי די עבודה, וואס פון איין זייט שלאגט מען זיך מיט דעם יצר הרע, און נעבן דעם פלאקערט די אש המערכה, און מען דארף מען אריינלייגן גרויסע כוחות נישט צו מסיח דעת זיין, מען זאל נישט פארגעסן וואו מען שטייט, ווייל דאס איז די עבודה וואס מען ווארט פון אונז ווי מיר וועלן ווייטער מסביר זיין.

דער יצר הרע פארלייגט זיך מיט מורא'דיגע שטארקע כוחות, איבערהויפט אין אונזער דור וואס אונזערע כוחות זענען שוואכער, און אונז האבן נישט די גרויסע מדריגות אזוי ווי מען האט געהאט אמאל, און ער ברענגט אונטער גרויסע נסיונות בפרט אין ענינים פון קדושה, וואס דערמיט וויל ער דערווייטערן דער מענטש פונעם אויבערשטער.

בפרט ווען אונז געפונען זיך אין די יעצטיגע דור וואס איז די דור פון 'עקבתא דמשיחא', היות וואס די יעצטיגע דור האט אלע סימנים וואס חז"ל האבן געגעבן אז אזוי וועט אויסזען איידער משיח וועט

קומען, און דער יצר הרע לייגט אריין זיינע גרעסטע כוחות ווייל ער ווייסט אז נאך אביסל קומט משיח און ער וועט בטל ווערן פון די וועלט.

און דער יצר הרע פראבירט צו מכשיל זיין א מענטש דוקא אין זיינע שוואכע חלקים, דוקא דארט ווי זיין גוף ציעט אים און שלעפט אים, דארט שטייט דער יצר הרע מיט אלע זיינע מעגליכקייטן און וויל צוברענגן דער מענטש צו אן א עבירה און אים פארשלעפן און דערוייטערן פונעם אויבערשטער, און ער קומט כסדר אונטער מיט פארשידענע נייע נסיונות כדי אונטערצוברענגן דער מענטש.

**"דער יצר הרע פראבירט צו מכשיל זיין א מענטש דוקא אין זיינע שוואכע חלקים, דוקא דארט ווי זיין גוף ציעט אים און שלעפט אים, דארט שטייט דער יצר הרע מיט אלע זיינע מעגליכקייטן און וויל צוברענגן דער מענטש צו א עבירה"**

דעריבער איז אונזער עבודה צו שטיין אויפן וואך א גאנצע צייט און זיין געווארנט פון דער יצר הרע, און אכטונג געבן נישט אריינצופאלן אין נסיונות און אין שוועריקייטן.

און די עבודה איז א שטענדיגע עבודה וואס מען טאר קיינמאל נישט נאכלאזן און אויפגעבן, א מענטש טאר קיינמאל נישט זאגן, איך האב זיך שוין אויסגעשטעלט אויף א גוטע וועג, און איך דארף בלויז ארבעטן צו ממשיך זיין און טון ווייטער וואס מען דארף, נאר מען דארף שטענדיג שטיין גרייט פאר א מלחמה מיט דער יצר הרע, און זיין גרייט זיך צו שלאגן מיט יעדע פרישע נסיון וואס עס קומט אונטער.

**"די עבודה איז א שטענדיגע עבודה וואס מען טאר קיינמאל נישט נאכלאזן און אויפגעבן, מען דארף שטענדיג שטיין גרייט פאר א מלחמה מיט דער יצר הרע, זיך צו שלאגן מיט יעדע פרישע נסיון וואס קומט אונטער"**

אזוי ווי עס מרומז אין פסוק (דברים יב, ט) **כִּי לֹא בָאתֶם עַד עָתָּה אֶל הַמְּנוּחָה וְאֶל הַנַּחֲלָה וגו'**, מען טאר קיינמאל

נישט נעמען מנוחה פון די עבודה, וויבאלד מען איז נאכנישט אנגעקומען צו די מנוחה און נחלה צו וואס מען וועט זוכה זיין לעתיד לבא ווען משיח וועט קומען און דער בית המקדש וועט ווערן אויפגעבויעט, וואס דעמאלטס וועט רוען א רוח טהרה, און דער יצר הרע וועט מען נישט האבן א שליטה אויפן מענטש. אבער ביז דענסמאל דארף דער מענטש וויסן אז ער קען נישט נעמען מנוחה און מיז א גאנצע צייט זיין עומד על המשמר אנטקעגן דעם יצר וואס וויל אים מכשיל זיין.

און דאס איז די עבודה פון א מענטש, פון איין זייט אויב געבט מען זיך נישט גענוג אכטונג, קען מען מיט בלויז א קוק - אויף נישט א ריכטיגע ארט - נכשל ווערן און אריינפאלן אין א נסיון וואו די שער הגיהנום איז ברייט אפן, און מען קען נכשל ווערן און ווערן דערווייטערט פונעם אויבערשטער.

אבער פון די אנדערע זייט - דארף מען וויסן – אז אויב איז מען זיך מתגבר און מען שטארקט זיך אויף דער יצר הרע, און מען געבט אוועק פון די אייגענע רצונות און תאוות, איז מען דערמיט מקריב א קרבן פארן אויבערשטער, וואס דאס איז די גרעסטע קרבן וואס מען קען נאר ברענגן פארן באשעפער, און עס פארשאפט א מורא'דיגע נחת רוח פארן אויבערשטער.

און אין די עבודה זענען מיר ממש פונקט אזוי ווי די כהנים וואס שטייען אויף די מזבח און טוען די עבודה אין בית המקדש, און געפונען זיך הארט נעבן די גרויסע אש המערכה, און זענען דארט מקריב קרבנות און פארשאפן א נחת רוח פארן אויבערשטער.

**"אונז געפונען זיך שטענדיג אויפן מזבח און אונז זענען מקריב קרבנות, און מען דארף שטענדיג אכטונג געבן זיך נישט צו פארלירן מיט היסח הדעת"**

די זעלבע זאך איז מיט א מענטש מיט זיין עבודה, וואס דער יצר הרע פארלייגט מורא'דיגע כוחות אז א מענטש זאל זיך פארלירן און אריינפאלן אין זיין נעץ, און דער מענטש שטייט אייביג נעבן די

פייער פונעם יצר וואס ברענט אין אים און די עבודה פונעם מענטש איז צו נישט מסיח דעת זיין דערפון און וויסן אז אונז געפונען זיך שטענדיג אויפן מזבח און דורכ'ן זיך מתגבר זיין אויפ'ן יצר הרע און דורך זיך נישט נאכגעבן אונזערע רצונות זענען מיר מקריב קרבנות פשוטו כמשמעו, און מען דארף שטענדיג אכטונג געבן זיך נישט צו פארלירן דורך היסח הדעת.

## די תפילה פון 'אשי ישראל'

דערמיט קען מען מסביר זיין נאך א ענין אין אונזער עבודה, דאס איז ווען עס קומט צו דאווענען, דער יצר הרע פראבירט שטענדיג צו שטערן דער מענטש ער זאל נישט האבן די ריכטיגע ישוב הדעת ווען ער שטעלט זיך דאווענען פאר דער אויבערשטער.

**"אויב איז מען זיך מתגבר און מען שטארקט זיך אויף דער יצר הרע, און מען געבן זיך אוועק פון די אייגענע רצונות און תאות, איז מען דערמיט מקריב א קרבן פארן אויבערשטער, וואס דאס איז די גרעסטע קרבן וואס מען קען נאר ברענגן פארן באשעפער, און עס פארשאפט א מורא'דיגע נחת רוח פארן אויבערשטער"**

דער יצר הרע ווייסט אז ווען א איד דאווענט ריכטיג פארן אויבערשטער, דעמאלטס ווערט ער דבוק און מקושר צו די מקור הקדושה און עס וועט אים זיין זייער שווער אים צו מכשיל זיין שפעטער מיט עבירות.

דעריבער פראבירט ער שטענדיג צו שטערן דער מענטש פון זיין דאווענען[1], און איז אים מבלבל מיט פארשידענע מחשבות וואס מוטשענען אים, וואס שטערט צו אינזין האבן און דאווענען ריכטיג פארן אויבערשטער.

---

[1] אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל (ברכות לב:) ארבעה צריכין חיזוק וכו', תפלה מנין, שנאמר (תהלים כז, יד) קַוֵּה אֶל ה' חֲזַק וְיַאֲמֵץ לִבֶּךָ וְקַוֵּה אֶל ה'.

און ווען מען שטעלט זיך דאווענען לייגט דער יצר הרע אריין מחשבות אין א מענטש אז זיינע תפילות זענען נישט חשוב, און איז חלילה גארנישט ווערד פארן אויבערשטער, דערמיט פראבירט ער צו שטערן דער מענטש פון דאווענען.

אבער ווען מען שטעלט זיך דאווענען און מען ווייסט אז דער אויבערשטער ווארט פאר אונזערע תפילות, בפרט אין אונזער דור וואס יעדע עבודה פון סיי וועמען איז זייער טייער און חשוב פארן אויבערשטער, און יעדע ביסל כח וואס מען לייגט אריין פארשאפט א מורא'דיגע נחת רוח פארן אויבערשטער, דעמאלטס בעט מען א תפילה און בקשה פונעם אויבערשטער ער זאל אננעמען אונזערע עבודה וואס אונז זענען מקריב פאר אים, אונזערע נסיונות וואס אונז גיין אריבער, און מען פראבירט זיך צו שטארקן, און מען געבט אוועק פון זיך די תאות און רצונות פאר דער אויבערשטער, און מען איז זיך מקריב פאר א קרבן פארן אויבערשטער.

און דאס איז מרומז אין דאס וואס מיר בעטן ביי 'תפילת רצה': **ואשי ישראל... באהבה תקבל ברצון...** נעם אן מיין עבודה וואס איך בין מקריב פאר דיר, די 'אשי ישראל' דער פייער פון נסיונות וואס ברענט אין אונז אבער מיר געבן זיך נישט נאך, וואס דאס איז אונזער קרבן וואס אונז זענען מקריב פארן אויבערשטער.

און דערמיט בעט מען דער אויבערשטער מיט א תפילה: **והשב את העבודה לדביר ביתך...** קער אונז צוריק צו די עבודה פון קרבנות ביי דיר אין בית המקדש, אונז זאלן מער נישט דארפן זיך ארום שלאגן מיט דער יצר הרע מיט די אלע שווערע נסיונות וואס ער ברענגט אונז אונטער.

נאר מיר זאלן זוכה זיין צו זען דיין ליכטיגקייט און גרויסקייט, מען זאל אנקומען 'אל המנוחה ואל הנחלה', ווען די בית המקדש וועט אויפגעבויעט ווערן, און עס וועט נתגלה ווערן די כבוד ה', און מען וועט קענען זיין דבוק און מקושר צום באשעפער און קיין מניעות, און מען וועט קענען דינען דער אויבערשטער אן קיין שטערונגן.

## ב.

### די נסיונות פון א מענטש

ווען עס קומט אונטער נסיונות פאר א מענטש, און דער יצר הרע פארלייגט זיך מיט פארשידענע וועגן דורך זיינע שלוחים וואס שטערן דער מענטש פון דינען דער אויבערשטער אזוי ווי עס דארף צו זיין, דארף מען וויסן אז מען טאר נישט ווערן נאכגעלאזט און מיואש פארוואס פונקט ביי אים קומט אזעלכע שווערע נסיונות, פארוואס ביי אנדערע איז אסאך לייכטער און גרינגער צו דינען דער אויבערשטער.

ווען איינער זעט אז עס קומט אים אונטער שווערע נסיונות קען ער צומאל אנהייבן טראכטן אז ער פארמאגט א נידריגע נשמה, דערפאר קומט אים אונטער די אלע נסיונות, און ער איז מקנא אנדערע וואס זיי האבן נישט אזעלכע נסיונות אזוי ווי אים, און ער טראכט אז דאס איז מסתמא ווייל זיין האבן העכערע און מער גרעסערע נשמות פון אים. און אסאך מאל קען מען חלילה טראכטן אז מיין עבודה איז נישט חשוב, און עס שוואכט אפ א מענטש פון זיך מתגבר זיין אויף זיינע נסיונות.

**"אונז האבן נישט קיין פארוואס דער מענטש באקומט מער נסיונות פון א אנדערע, יעדער איינער פארמאגט זיין עבודה וואס דער באשעפער וויל פון אים"**

אבער דער אמת איז בכלל נישט אזוי, אונז האבן נישט קיין השגה פארוואס עס קומט נסיונות אויף א מענטש, און פארוואס דער מענטש באקומט מער נסיונות פון א אנדערע. יעדער איינער פארמאגט זיין עבודה וואס דער באשעפער וויל פון אים, און יעדער איינער האט זיין באזונדערע וועג ווי אזוי דער אויבערשטער וויל אז ער זאל אים דינען, און מען קען נישט צוגלייכן און צושטעלן איינע צו די אנדערע.

געוויסע מאל גייט א מענטש אריבער נסיונות צוליב א פריערדיגע גלגול[ז], טראץ וואס עס האט נישט קיין שייכות מיט אים אויף די יעצטיגע גלגול, און עס איז נישט זיין שולד, נאר ער געפונט זיך דא אויף די וועלט צו מתקן זיין א געוויסע תיקון, און דערפאר האט ער ספעציעלע נסיונות וואס ער דארף זיך מתגבר זיין אויף דעם[ח].

אבער דאס איז זאכן וואס אונז ווייסן נישט, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (דברים כט, כח) **הַנִּסְתָּרֹת לַה' אֱלֹקֵינוּ**, דאס איז זאכן וואס איז חשבונות שמים, עס איז פארבארגן און באהאלטן פון אונז, און אונז טארן נישט, און אונז קענען נישט טראכטן דערפון.

ממילא טאר מען חלילה נישט ארייגפאלן אין עצבות אדער יאוש פון די נסיונות און שווערקייטן וואס מען גייט אריבער, און מען טאר זיך נישט באשולדיגן איבער דעם, און זיכער נישט ווערן געפאלן ביי זיך און אויפגעבן אויף די עבודה פון מלחמה האלטן מיט דער יצר הרע.

נאר וואס דען - **הַנִּגְלֹת לָנוּ** - וואס אונז דארפן וויסן, דאס איז אונזערע יעצטיגע עבודה, וואס דאס איז זיך צו שטארקן אויף די נסיונות וואס קומט אונז אונטער, און דינען דער אויבערשטער מיט אלע אונזערע כוחות, און יעדע מאל ווען עס קומט אונטער א פרישע נסיון דארף מען ווידעראמאל זיך מחזק זיין מיט א פרישקייט אז דאס איז א מלחמה וואס דער באשעפער וויל פון אונז אז מיר זאלן אים מיט דעם דינען און מקריב זיין אונזערע רצונות און תאוות פאר א קרבן פארן אויבערשטער.

---

ז אזוי ווי עס שטייט פון די מקובלים אז געוויסע מאל האט א מענטש נסיונות וויבאלד זיין נשמה אין די פריערדיגע גלגול האט געהאט א גרעסערע שייכות מיט די חטא פון אדם הראשון, אדער פון די חטא דור המבול וכדומה.

ח כדאיתא בשער הגלגולים למהרח"ו ז"ל (הקדמה אות כ"ז) וזה לשון קדשו: גם דע, כי האיש הזה מחדש שבא עתה בגלגול בפעם א', יש לו טורח גדול להכניע יצרו, אע"פ שנשמתו תהיה גבוהה מאד, לפי שזה הוא התחלת הזדככו מן הקליפות, כי אפילו בהיותו בבחינת צלם, היה מעורב בקליפתו כנזכר. גם לטעם הנזכר, מוכרח הוא שהאיש הזה יהיה עצב מאד כל ימיו, ודואג בקרבו תמיד ללא סבה, אבל הסבה האמיתית הוא, כי הקליפות מהם המשכת העצבון כנודע וכו' עיי"ש.

## די חיזוק פון נסיונות

עס איז אפילו פארהאן אסאך מאל וואס די שווערע נסיונות קומט צוליב דעם וואס דער מענטש האט גאר א הויכע און הייליגע נשמה, און דעריבער פארלייגט זיך דער יצר הרע זייער שטארק, און דער מענטש האט א שטענדיגע און א ביטערע שווערע מלחמה מיט דער יצר הרע.

די סיבה דערפון איז וויבאלד דער יצר הרע וויל האבן דערפון א יניקה און א חיות. און ווי הייליגער א נשמה איז, אלץ גרעסער איז די יניקה פון די סטרא אחרא, ווייל די גאנצע כח און חיות פון די טומאה איז נאר פון קדושה.

אזוי ווי עס איז באקאנט די הייליגע ווערטער פונעם אור החיים הקדוש[ט] וואו ער איז מסביר פארוואס עס איז פארהאן 'טומאת מת' נאר ביי א איד און נישט ביי א גוי. און דער אור החיים הק' ערקלערט דאס מיט א משל פון א בעל הבית וואס האט ארויס געטראגן אינדרויסן צוויי פעסער, איין פאס איז געווען אנגעפולט מיט האניג און די צווייטע פאס איז געווען אנגעפולט מיט מיסט, די פאס וואס איז אנגעפולט מיט האניג איז גלייך געווארן ארומגענומען מיט פליגן און קריכעדיגע באשעפענישן, און די פאס וואס איז אנגעפולט מיט מיסט, אפילו עס איז אויך געווארן ארומגענומען מיט פליגן, איז עס אבער געווען אסאך ווייניגער פון די פאס אנגעפולט מיט האניג[י].

**"די ווערטער פונעם אריה"ק געבט מורא'דיגע חיזוק פאר א מענטש, בפרט איינער וואס האט זייער שווערע נסיונות, וויבאלד דאס געבט אים צו פארשטיין, אז דוקא ווייל ער פארמאגט אזא הייליגע און הויכע נשמה, דעריבער פארלייגט זיך דער יצר הרע, און וויל אים מכשיל זיין מיט עבירות"**

ט ריש פרשת חקת ד"ה וכבר.

י וז"ל, וכבר המשלתי במקום אחר ענין זה לב' כלים שהיו אצל בעל הבית אחת מלאה דבש ואחת מלאה זבל ופינה אותם והוציאם לחוץ מהחדר אותה שהיתה מלאה דבש מתקבצים לה כל הזבובים והרמשים ואותה שהיתה מלאה זבל הגם שיכנסו

די זעלבע זאך איז נוגע פאר אונזער ענין, ווען א הויכע און הייליגע נשמה קומט אראפ אויף די וועלט, וועט זיך דער יצר הרע פארלייגן מיט אלע כוחות און פראבירן עס צו מכשיל זיין און צוברענגן צו טון עבירות, ווייל דאס איז א פולע פאס מיט האניג, און דער סטרא אחרא וויל באקומען דערפון א גרויסע יניקה[יא].

און אזוי ווערט געברענגט אינעם ספר 'שער הגלגולים' פון הרה"ק רבי חיים וויטאל זי"ע[יב], וזה לשון קדשו:

"ולפעמים יארע כי האיש וכו' תהיה נשמתו מעולה וגבוה מאד, ואינו יכול להכניע יצרו, ואל"כ בקלות גדול היה יכול להיות חסיד גדול. בזה יתבאר לך סוד נמרץ, כי לפעמים חטא קטן של אדם אחד, יענש עליו מאד. ועון גדול של אדם אחר, אינו נענש עליו.

וזהו סוד הצור תמים פעלו כי כל דרכיו משפט וכו', ודי בזה למשכילים. ולכן אין להרהר אחר מדותיו יתברך, אף לא אחר הצדיקים, אף אם יחטאו. גם צריך שתדע, כי מי שהוא מבחינת קין השנית המעולה, הנה עם היותו מעורב טוב ברע, הנה הטוב שבו גדול מאד, אלא שהוא

---

לה קצת מהרמשים לא ישוה לשל דבש. כמו כן אדם מישראל שמת להיותו מלא קדושה המתוקה והעריבה בצאת הנפש ונתרוקן הגוף יתקבצו הקליפות לאין קץ שהם כוחות הטומאה התאבים תמיד להדבק בקדושה ליהנות מהערב, ולזה יטמא באהל ואפילו אלף בתים מקורים ואחת פתוחה לחברתה הטומאה תמלא כל החלל המקורה, מה שאין כן אשר לא מזרע ישראל להיותו מושלל מהקדושה אין כל כך התקבצות הטומאה אלא חלק הממית הנדבק בגוף, ואשר יסובב הכל היא התורה, עכ"ל.

**יא** און אזוי ווי עס איז אויסגעשמועסט געווארן באריכות אין א פריערדיגן שמועס (מאמר בענין 'גלייבן אין די אייגענע כוחות - חלק ב'), די ווערטער וואס שטייט אין חז"ל (סוכה נב.), **ובתלמידי חכמים יותר מכולם**, דער יצר הרע פארלייגט זיך אויף תלמידי חכמים מער פון אלע אנדערע. און די גמרא זאגט דארט (שם) **כל הגדול מחבירו יצרו גדול הימנו**, דער וואס איז גרעסער פון זיי חבר, פארמאגט א גרעסערע יצר הרע, וויבאלד ער האט מער כוחות פון א צווייטן. און וויבאלד ער איז גרעסער פון זיין חבר פארלייגט זיך דער יצר הרע מער, וויבאלד יעדע קליינע פגם פון א ערליכער איד, גיבט א גרעסערע יניקה פאר די סטרא אחרא. ועיי"ש.

**יב** הקדמה אות כ"ז.

מעורב בקליפות רעות רבות ומזוהמות, והרע הוא מרובה בו על הטוב, והסבה היא לפי שכל שרש קין הוא מן הגבורה, שבהם נאחזים הקליפות והחיצונים", עכ"ל.

**"טאקע פארדעם האט אים דער אויבערשטער באשאפן, אז ער זאל זיך געפונען אויף א שטענדיגע קריג מיט דער יצר הרע און זיך שלאגן מיט אים מיט אלע כוחות"**

און דאס געבט מורא'דיגע חיזוק פאר א מענטש, בפרט איינער וואס האט זייער שווערע נסיונות, וויבאלד דאס געבט אים צו פארשטיין, אז דוקא ווייל ער פארמאגט אזא הייליגע און הויכע נשמה, דעריבער פארלייגט זיך דער יצר הרע, און וויל אים מכשיל זיין מיט עבירות.

און אפילו אויב מען איז נישט שטענדיג מצליח זיך צו מתגבר זיין אויפן יצר הרע, און נישט אייביג איז מען מצליח צו בייקומען זיינע נסיונות, טאר א איד נישט ווערן צובראכן און מיואש, וויבאלד טאקע פארדעם האט אים דער אויבערשטער באשאפן, אז ער זאל זיך געפונען אויף א שטענדיגע קריג מיט דער יצר הרע און זיך שלאגן מיט אים מיט אלע כוחות.

און ווען דער מענטש איז זוכה זיך צו מתגבר זיין, און זיך שטארקן איבער זיינע נסיונות איז זיין שכר כפול ומכופל מן שמים, וויבאלד אלץ שווערער די עבודה, אלץ חשוב'ער איז עס פארן אויבערשטער, און עס ווערט פאררעכנט ווי מען האט מקריב געווען א גרעסערע קרבן פארן אויבערשטער.

## דער אויבערשטער באצאלט פאר יעדע ביסל ארבעט

און אפילו אויב מען איז נישט אויף אזא הויכע מדריגה צו קענען דינען דער אויבערשטער מיט א ריינקייט און א שלימות, וועט דער אויבערשטער אונז אויך באצאלן דערפאר. און דער אויבערשטער האט א גרויסע נחת רוח ווי גלייך א כהן שטייט אויפן מזבח און איז מקריב קרבנות.

אזוי ווי עס שטייט פון דער הייליגער רמ"ע מפאנו זי"ע[יג], אויפן פסוק אין תהלים (צ, טו) **שַׂמְּחֵנוּ כִּימוֹת עִנִּיתָנוּ שְׁנוֹת רָאִינוּ רָעָה, יֵרָאֶה אֶל עֲבָדֶיךָ פָעֳלֶךָ וגו'**. מען בעט דער אויבערשטער אז ער זאל זען אונזערע ארבעט וואס אונז האבן אים געדינט אין די שווערע יארן, ווען אלעס איז געווען פינסטער און טונקל.

און אפילו אויב מען האט נישט שטענדיג מצליח געווען זיך צו מתגבר זיין אויפן יצר הרע, פונדעסטוועגן איז די ארבעט איז געווען ביטער שווער און מען האט זיך געמוטשעט און געפייניגט מיט דער יצר הרע און דער אויבערשטער וועט באצאלן דערפאר.

זאל דער אויבערשטער העלפן אז יעדער איינער זאל קענען אויספירן זיין חלק און תפקיד וואס ער האט אויף די וועלט, און זיך מתגבר זיין אויף די נסיונות וואס מען שיקט אים פון הימל לויט זיין שורש נשמה. און יעדער איינער באזונדער מיט זיין עבודה ברענגט נענטער די גאולה אזוי ווי עס שטייט פון די ספרים הק' אז יעדע איד אין כלל ישראל האט א חלק אין 'מלכות בית דוד', און דורכדעם איז מען זוכה מקרב צו זיין די גאולה.

און דער אויבערשטער זאל העלפן אז אונזערע קרבנות וואס אונז זענען מקריב היינטיגע צייטן, פון אונזערע רצונות און כוחות, זאל ווערן אנגענומען פארן אויבערשטער - אשה ריח ניחוח לה' - און אזוי ווי די תפילה וואס משה רבינו האט געבעטן בשעת ווען מען האט אויפגעשטעלט די משכן, ויהי נועם ה' אלקינו עלינו וכו'.

---

יג בספה"ק עשרה מאמרות, (מאמר חקור דין פ"א).